בס"ד

# אבותינו בולעטין

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון "אבותינו"

פרשת שופטים תשפ"ו
גליון 793
08/13/2026

**כסא דנחמתא**

יבוא בזה תנחומינו הנאמרים מקרב לב, לכבוד המשפחה החשובה והרוממה,
לבית ליבערמאן הי"ו, על פטירת נזר תפארתם
האשה החשובה **מרת לאה ב"ר ישעי' מנחם** ע"ה,
אשת הרבני החסיד ר' משה שמואל ליבערמאן ע"ה
אשר פעלה בלו"נ **עשרות בשנים** להצלחת הבתי חיים קברי אבותיה בעיירות
**אלאוואָ, סילץ, קיוואשד**
*זכרון מעשיה הטובים ילכו לפניה וצדקתה תעמוד לזכות ולנ"נ בעד ב"ב שיחי'*
*שיוושעו עם כט"ס ומעתה לא יוסיפו לדאבה עוד רק ששון ושמחה ישיגו עד עולם*

# משמרת בתי חיים אפטיילונג Maintenance Division-

## א דוגמה פון די **צוויי זייטיגע** טעלעפאָן רופן וואס קומען אריין אין די "אבותינו" אפיס טאג טעגליך

מיר האבן יעצט אפגעשטאט א באזוך ביי אונזער משפחה ביה"ח אין **סאטמארהעגי**, און מיר האבן פשוט נישט קיין ווערטער זיך צו באדאנקען פאר'ן מוסד "אבותינו" פאר זייער אויסטערלישע און נאבעלע ארבעט. סיי ביים איבערבויען דעם פלאץ, און סיי פארן עס אויפהאלטן און קעיר נעמען דערפון אויף אזא בכבוד'יגן אופן; די גראז איז פריש געשניטן און אלעס איז מסודר על צד היותר טוב. מיר האבן זיך איבערצייגט מיט די אייגענע אויגן פון די נאנט אין דעם גרויסן קידוש השם!

מיר זענען יעצט צוריקגעקומען פון א באזוך ביי אונזער משפחה בית החיים, און מיר האבן זיך ליידער אליינס איבערגעצייגט די וויכטיגקייט פון די מעינטענענס סיסטעם וואס "אבותינו" שטעלט צו נאכ'ן איבערבויען א בית החיים. די הויכע גראזן און ווילדע געוויקסן זענען אזוי איבערגעוואקסן, אז מען קען ממש נישט אריינגיין אינעם בית החיים, עס איז באמת א שאד אז מיר האבן זיך נישט צוגעכאפט דערצו ביז יעצט, מיר ווילן זיך שוין דרינגענד אנשליסן!

## אשר על כן - א וויכטיגע רוף: מאכט זיכער אז אייערע קברי אבות זענען אויפגעהאלטן בכבוד הראוי!

איר האט געהאט דעם גרויסן זכות צוריקצושטעלן כבוד צו די בתי חיים פון אייערע אבות, יעצט איז קריטיש וויכטיג צו פארזיכערן דעם ווייטערדיגן אויפהאלט פונ'ם פלאץ, אז ווילדע געוויקסן זאלן נישט חרוב מאכן די שווערע ארבעט.

**זיך צו פארבינדן מיט די מעינטענענס אפטיילונג ביטע רופט: 718-640-1470 עקס. 302/306**

## ניגרעשט, ראמעניע- בילדער וואס רעדן מער ווי טויזענט ווערטער!

### תשפ"ג
ביה"ח פריש איבערגעבויט



### תשפ"ד
פאר'ן אוועקשטעלן מעינטענענס



### תשפ"ו
אויפגעהאלטן ריכטיג בכבוד הראוי'




## אבותינו'ס מעינטענענס פראגראם שטעלט צו די פאלגענדע פאר יעדע בית החיים:

- עס ווערט באשטימט א ארבעטער, וואס איז פאראנטווארטליך צו **שניידן די גראז 4 מאל א יאר**, ווי אויך אונז אינפארמירן וועגן סיי וועלכע פראבלעמען
- אבותינו'ס אויפזעער'ס **באזוכען די ביה"ח עטליכע מאל א יאר**, צו באקוקען די ארבעט פון דער נאענט.
- עס ווערן צוגעשטעלט **באריכטן און בילדער**, וואס ווערט דערנאך אריבערגעשיקט צו די משפחות

*ביטע מאכט זיכער אריינצורופן אין אפיס פון 'אבותינו' כאטש א וואך איידער'ן פארן צום ביה"ח צו מברר זיין פרטים פונעם ביה"ח.*

**יארצייט**

**מדור מיוחד: בעד אלו גאו"ק זי"ע אשר היארצייט חל בשבוע זו ומנו"כ בהביה"ח שבונים / נבנו ע"י: ל אב:** רבי אלי' בצלאל ב"ר ייטב לב זצ"ל אב"ד **טעטש** | רבי גבריאל יעקב זאנדיץ זצ"ל אב"ד **טאקאי**, ומנו"כ **בבארדיוב** | **א' אלול:** רבי זאב וואלף ב"ר צבי טענענבוים זצ"ל אב"ד **ווערפעלעט** | רבי ברוך אברהם ב"ר שרגא פייביל בינדיגער זצ"ל אב"ד **האנשאוויץ** | **ב' אלול:** רבי חיים מאיר ב"ר יעקב שיק זצ"ל אב"ד **אנאד** | **ג' אלול:** רבי מנחם צבי ב"ר דוד ראזענבערג זצ"ל אב"ד **שוראני** דומ"ץ **יארמוט** | **ד' אלול:** רבי צבי ב"ר משה אברהם זצ"ל אב"ד **סיגוט** | רבי ארי' לייב ב"ר יוסף תאומים זצ"ל אב"ד **בראד** | רבי אלכסנדר אדלער זצ"ל אב"ד **פאקש** | רבי מנחם מענדל ב"ר גדלי' גליק זצ"ל אב"ד **קעמעטשע** רבי נתנאל ב"ר יחיאל מיכל הכהן פריעד זצ"ל | **ו' אלול:** רבי שלמה זלמן ב"ר משה אוללמאן זצ"ל **ביסטריץ** | **ו' אלול:** ר' יצחק ישראל בלוי דומ"ץ **פעהערדיארמאט** | רבי יקותיאל יודא (ייטב לב) ב"ר אלעזר ניסן זצ"ל אב"ד **סיגוט**

HFPJC • אבותינו

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC) aka - Avoyseinu
18 Heyward St, Suite 200, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 F: 718-228-8368 E: info@hfpjc.com
Mailing Address 199 Lee Avenue #1114 Brooklyn NY 11211
Affiliated Organizations: London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha